**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/11/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול פייערט יאר פון פארשריט וואס אדרעסירט אנגייענדע וואסער אינפראסטרוקטור פראבלעמען אין מאונט ווערנאן**

***אנהויב פון בוי ארבעט פאר טירד סטריט אפפאל פראיעקט צייכנענט מערקווירדיגע דערגרייך אין סטעיט'ס היסטארישע $150 מיליאן ענווייראנמענטל דזשאסטיס אינוועסטירונג***

***$9 מיליאן טירד סטריט אפפאלפראיעקט פארזיכערט פארלעסליכע אפפאלוואסער סערוויס פאר 4,100 איינוואוינער***

***אנדערע שריט צו אדרעסירן אפפאלוואסער און שטורעמוואסער פראבלעמען, אוועקנעמען בליי טרינקן וואסער סערוויס ליניעס שוין אונטערוועגנס***

גאווערנאר קעיטי האקול האט היינט געמאלדן א מערקווירדיגע דערגרייך אין ניו יארק סטעיט'ס היסטארישע $150 מיליאן אינוועסטירונג און שותפות מיט'ן סיטי פון מאונט ווערנאן מעיאר שאווין פאטערזאן-האווערד און וועסטשעסטער קאונטי עקזעקיוטיוו דזשארדזש לאטימער צו אדרעסירן די אנגייענדע ענווייראנמענטל דזשאסטיס זארגן ווי אויך וואסער אינפראסטרוקטור און פובלקי געזונטהייט פראבלעמען וואס האבן שוין לאנג אפעקטירט די סיטי. בוי ארבעט הויבט זיך אן אויף די קריטיש וויכטיגע טירד סטריט אפפאל פראיעקט וואס וועט פארזיכערן פארלעסליכע אפפאל וואסער סערוויס און פארבערטע קוואליטעט פון לעבן פאר מער ווי 4,100 איינוואוינער אין מאונט ווערנאן וואס זענען אפעקטירט פון צובראכענע אפפאל איפרעסטרוקטור ליניעס.

"פונעם פראיעקט צוגרייטונג ביזן פארענדיגן, איז ניו יארק סטעיט גערטיי צו העלפן מאונט ווערנאן בליען דורך צושטעלן די נויטיגע רעסורסן צו פארערכטיגן פריערדיגע אומרעכטן אין א קאמיוניטי פון פארב וואס לייבט פילפאכיג מער שוועריגקייטן פון פארפעסטיגונג," **האט גאווערנאר האקול געזאגט.** "אין בלויז איין יאר האבן מיר געמאכט שטארקע פארשריט אין דעם פראיעקט צו פארבעסערן דאס וואילזיין פונעם קאמיוניטי, און איך קוק ארויס צו אויפהאלטן דעם שותפות דערווייל וואס מיר בויען א מער לעכטיגע, געזונטערע צוקונפט פאר מאונט ווערנאן."

דאס אנהייבן פונעם טירד סטריט אפפאל פראיעקט צייכנענט אומגעפער איין יאר זייט גאווערנאר האקול'ס מעלדונג איבער די [$150 מיליאן אינוועסטירונג] און דריי-פאכיגע שותפות מיט מאונט ווערנאן און וועסטשעסטער קאונטי צו דערהיינטיגן די אלטע און פעלערהאפטיגע וואסער אינפראסטרוקטור וואס האט פארמינערט די קוואליטעט פון לעבן פאר די ענווייראנמענטל אומרעכט קאמיוניטי.

די נייע סטעיט-קאונטי-סיטי שותפות איז פאראייביגט געווארן אין א מעמאראנדאם פון פארשטאנד (Memorandum of Understanding, MOU) צו פארשנעלערן פריאריטעט פראיעקטן און שילדערן ראלעס, פליכטן, און געלטער אוועילעבל פאר דעם דורכאויס-די-סיטי פראיעקט. דער MOU מאכט

פארמאל די דריי-פאכיגע שותפות צווישן די סיטי פון מאונט ווערנאן, וועסטשעסטער קאונטי, און ניו יארק סטעיט אריינגערעכנט דאס נוצן פון $9 מיליאן אין ריינע וואסער אינפרעסטרוקטור אקט געלטער פאר ענדזשינירינג, אויסארבעטן און בוי ארבעט פארבינדן מיט די טירד סטריט אפפאל פראיעקט.

דער פראיעקט גייט פאראויס נאך א פארשנעלערטע פלאנירן און אויסארבעט פראצעס און וועט פארזיכערן פארלעסליכע אפפאל וואסער סערוויס פאר 4,100 דערנעבנדיגע איינוואוינער וואס ווערן יעצט נישט גענוג סערווירט דורך צייטווייליגע פאמפס און א פראוויזארישע סיסטעם אין מיטן פון טירד סטריט. ווייטערדיגע פארבעסערונגען איבער די סיטי וועלן געמאכט ווערן אין פאזעס איבער פינעף צו זיבען יאר.

**אנגייענדע פאררעכטוונגען**
פראיעקטן האבן זיך באלד אנגעהויבן פאריגע יאר און גיין ווייטער מיט צושטעלן נאך $6 מיליאן פונעם ענווייראנעמטל פאסיליטיס קארפארעישאן (Environmental Facilities Corporation, EFC) צו געבן געלט פאר 33 פריאריטעט פאררעכטונג פראיעקטן און $10 מיליאן פונעם דעפארטמענט אוו ענווייראנמענטן קאנזערוועישאן (Department of Environmental Conservation, DEC) פאר די אפשאצונג, פאררעכטונג פלענער און גענצליכע פאררעכטונג פונעם "אויטפאל 24" זאמלונג ליניער וואס געבט ארויס רויע אפפאל אין די האטשיסאן ריווער. EFC האט צוגעלייגט $2 מיליאן פאר ענדזשינירינג קאנסולטענט סערוויסעס צו פארשנעלערן די ארבעט. מאונט ווערנאן און די DEC נעמען זיך אויך אונטער א $1 מיליאן אססעט מענעדזשמענט פראגראם צו צייכענען, אפשאצן, און נאכגיין די סיטיס'ס אינפרעסטרוקטור און העלפן מאכן א פלאן צו באצאלן און אויפהאלטן מאונט ווערנאן'ס וואסער קוואליטעט אינפרעסטרוקטור איבער די לאנגע-טערמין.

**בליי רער ערזעצונג**
די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו העלט (Department of Health, DOH) ארבעט מיט מיטן מאונט ווערנאן באורד פון וואסער צושטעלן (Mount Vernon Board of Water Supply, MVBWS) אויף די $1 מיליאן בליי סערוויס ליניע אינווענטארי פראיעקט די $1 מיליאן גרענט פינאנס אפמאך מיט EFC איז באשטעטיגט געווארן דורך מאונט ווערנאן אום סעפטעמבער 14, 2022, און MVWBS האט אנגעהויבן זייער אינווענטארי ארבעט דורך איבערקוקן זייערע ארכיוון פון מער ווי 12,500 וואסער אקאונטס. פון די אומגעפער 8,300 סערוויס ליניע רעקארד איבערקוקט ביז היינט, האבן אומגעפער 5,300 צייכענעס פון א בליי טייל. אין צוגאב צו די פולע ארכיוון איבערזוכט, ערווארטעט צו ווערן פארענדיגט אין הערבסט פון 2024, האט MVBWS אויך אנגעוויבן קאנמיוניטי מיטארבעט פראעיקטן אין אפריל מיט פובליק אינפארמאציע פאסט און מאכן א וועבזייטל וועגן די[בליי סערוויס פראגראם](), צו ווייל ארבעטן צוזאמען מיטן פובליק אויף דעם פראיעקט איז קריטיש פאר די לאנג-טערמיניגע הצלחה. די בליי סערוויס ליין אינווענטארי איז א וויכטיגע שריט צו פארצווייגטע ארבעט צו ערזעצן די בליי ליניעס.

**מאונט ווערנאן געזונטע היימען איניציאטיוו**
בוי ארבעט האט זיך אויך אנגעהויבן אויף די ערשטע היימען געשאנקן אונטער די [מאונט ווערנאן העליט האומס פיילאט פראגראם](). די $3 מיליאן פראגראם, געפירט דורך ניו יארק סטעיט היימען און קאמיוניטי באנייונג'ס אפיס פון רעזיליענט היימען און קאמיוניטיס ( Resilient Homes and Communities, RHC), איז אין צוגאב צו די סטעיט'ס $150 מיליאן אינוועסטירונג און לייגט אריין רעזידענשאל אפפאל-פארבינדנע פארבעסערונגען אין געגענטער מיט הויכע-ריזיקעס פאר אפפאלוואסער צוריקפלוס. דער פיילאט צילט די מערסט אפטע אפעקטירטע הויכע ריזיקע פראפערטיס וואס זענען אפעקטירט געווארן דורך דעם קריזיס. עס העלפט ניו יארק ערפילן איר ציל צו בויען שטארקע, רעזיליענט היימען וואס פאסן זיך צו צו טוישונגען פונעם קלימאט און מאכט א פריאריטעט פון קאמיוניטיס וואס זענען נישט געווען א פריאריטעט אינעם פארגאנגעהייט.

איינוואוינער וואס ווערן באשטעטיגט צו אנטיילנעמען אין מאונט ווערנאן העלטי האומס וועלן זיין בארעכטיגט צו באקומען די פאלגענדע פארבעסערונגען:

- נייע ריינע אפפאל צוריקפלוס פארמיידונג געצייג
- אפפאל-וואסער אויסגוס פארבעסערונגען
- נייע גאנצע שטוב וואסער פילטער סיסטעם
- ערזעצונג פון ביז צוויי ווייניג-פלוס טוילעטס
- רייניגונג און פארבעסערונג נאך שאדענס אדער שימל פון אפפאל וואסער פלייצונג
- אנדערע ענווייראנמענטל פארבעסערונג פון סכנות אזויווי בליי פארב אדער אסבעסטאס

**סענאט מעדזשאריטי פירער טשארלס שומער האט געזאגט,** "מאונט ווערנאן איינוואוינער זענען געווען אנגעשטעקט מיט די פארכט פון פארפעסטיגטע אפפאל אין זייער וואסער און צוריקפליסן צו זייערע היימען פאר צו לאנג. צוטריט צו ריינע און פארלעסליכע וואסער איז אן עיקר רעכט און קען מען נישט פארקוקט ווערן. מיטן אנהייבן פונעם טירד סטריט אפפאל פראיעט, מאכן מיר פארשריט צו אדרעסירן ענווייראנמענטן אומרעכט זארגן און פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן פאר סיטי איינוואוינער. איך האב אומערמידליך געארבעט צו פארזיכערן אז מאונט ווערנאן האט די נויטיגע פעדעראלע שטיצע צו פאררעכטן זייער אפפאל סיסטעם און בויען די וואסער-אפפאל אינפרעסטרוקטור וואס קומט זיך פארן סיטי. פון פארזיכערן מער ווי $11.7 ביליאן אין די בייפארטיזען אינפרעסטרוקטור געזעץ פאר די EPA'ס ריינע וואסער סטעיט רעוואלווינג פאנד (Clean Water State Revolving Fund, CWSRF) איבער די נעקסטע פינעף יאר, וואס האט צוגעשטעלט צו מער ווי $200 מיליאן צו ניו יארק סטעיט'ס CWSRF בלויז לעצטע יאר, צו געבן מער ווי $41 מיליאן פאר די סיטי פון מאונט ווערנאן אין די אמעריקאנע רעסקיו פלאן, זענען מיר געטריי צו מאכן די סיטי'ס אפפאל סיסטעם פליסן אין די ריכטיגע ריכטונג. איך לויב אויס גאווערנאר האקול פאר איר ארבעט צו דערגרייכן דעם גרויסן ציל און איך וועל זיך נישט אפשטעלן ביז יעדע איינציגע איינוואוינער האט צוטריט צו ריינע און פארזיכערטער וואסער."

**רעפרעזענטאטיוו דזשאמאאל באומען עד.ד. האט געזאגט,** "ווען מען שטייט אויס קלימאט טוישונגען און אומפאראויסגעזאגטע וועטער פאסירונגען, איז עס מער וויכטיג ווי פריער פאר אונז צו אינוועסטירן אין שטארקע אינפרעסטרוקטור." (NY-16). "ריינע וואסער איז וויכטיג פאר יעדע קאמיוניטי'ס מעגליכקייט צו פונקציענירן. איך פריי זיך אז גאווערנאר האקול האט געמאכט געזונטהייט און זיכערהייט פון מאונט ווערנאן איינוואוינער א פריאריטעט."

**וועסטשעסטער קאונטי עקזעקיוטיוו דזשארדזש לאטימער האט געזאגט,** "היינט פייערן מיר די פארשריט געמאכט אין אדרעסירן לאנג אנגייענדע ענווייראנמענטל אומרעכט זארגן און וואסער אינפרעסטרוקטור שוועריגקייטן אין מאונט ווערנאן. ריינע וואסער איז אן עיקר מענטשליכע רעכט, און מיר מוזן פארזיכערן אז יעדע קאמיוניטי האט צוטריט צו פארזיכערטע און פארלעסליכע טרינקן וואסער. דאס אנהייבן פון בוי ארבעט אויף די טירד סטריט אפפאל פראיעקט צייכענט א גרויסע דערגרייך אין אונזער היסטארישע שותפות, און פארבעסערט קוואליטעט פון לעבן פאר מער ווי 4,100 איינוואוינער דא אין מאונט ווערנאן."

**מאונט ווערנאן מעיאר שאוין פאטערזאן-האווערד האט געזאגט,** "גאווערנאר האקול'ס געטריישאפט צו אדרעסירן אונזער לאנג-אנגייענדע ריינקייט און שטורעם וואסער אינפרעסטרוקטור פראבלעמען איז צום לויבן. די טירד סטריט אפפאל פראיעקט איז א שותפות'דיגע ארבעט צווישן די סיטי פון מאונט ווערנאן, די סטעיט פון ניו יארק, און וועסטשעסטער קאונטי. עס צילט צו ערזעצן אלטע אפפאל אינפרעסטרוקטור, אדרעסירן מעגליכקייט פראבעלמען, און פארמינערן די ריזיקע פון אפפאל צוריקפלוס

און פארבינדענע ענווייראנמענטל זארגן. דער פראיעקט'ס ערפארלגרייכן איינפירונג וועט נישט נאר פארבעסערן פובליק העלט און זיכערהייט, נאר וועט אויך צוגעבן צו די אלגעמיינע ערוועקונג און אויפהאלטונג פון אונזער סיטי. מיר זענען געטריי צו אדרעסירן די אומאייניגע ווירקונג פון פארפעסטיגונג און ענווייראנמענטל סכנות אויף שוואכערע קאמיוניטיס. מיט די שטיצע פון גאווערנאר האקול, מאכן מיר מערקווערדיגע שריט צו א מער געזונטע און פארזיכערטע מאונט ווערנאן."

**סטעיט סענאטאר דזשאמאאל בעילי האט געזאגט,** "היינט פייערן מיר א וויכטיגע דערגרייך און מורא'דיגע פארשריט וואס איז געמאכט געווארן צו ערמעגליכן א מער געזונטע און שטארקע צוקונפט פאר די סיטי פון מאונט ווערנאן. די טירד סטריט אפפאל פראיעק, צוזאמען מיט די אנגייענדע פארערכטונגען און בליי רער ערזעצונג ארבעט, צייגט א היסטארישע אינוועסטירונג אין אונזער סיטי און די אנגעייענדע געטריישאפט פון מיינע אינעם רעגירונג צו אדרעסירן די לאנג אנהאלטענדע אפפאל וואסער און שטורעם וואסער אינפרעסטרוקטור פראבלעמען, אוועקנעמען בליי טרינקן וואסער סערוויס ליניעס, און בויען שטארקע היימען. איך וויל באדאנקן גאווערנאר קעיטי האקאל, מאונט ווערנאל מעיאר שאווין פאטערזאן-האווערד, וועסטשעסטער קאונטי עקזעקיוטיוו דזשארדזש לאטימער, און ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראנמענטל קאנזערוועישאן קאמישאנער באזיל סעגאס פארן נעמען שנעלע שריט צו אדרעסירן די מערסטע וויכטיגע געברויכן פון אונזער קאמיוניטי און פארזיכערן א מער לעכטיגע צוקונפט פאר קומעדנגע דורות."

**דר. קאטערין קאלמאן פלאווערס, CEO פונעם צענטער פון רורעל ענטערפרייז און ענווייראנמענטל דשאסטיס, האט געזאגט,** "די ארבעט וואס ווערט געטוען דורך גאווערנאר האקול און די סיטי פון מאונט ווערנאן מעיאר שאווין פאטערזאן-האווערד איז א גוטע ביישפיל פון וויאזוי לאקאלע און סטעיט גאווערנמענט קענען זיך צוזאמענקומען צו איינפירן ריינע וואסער און סאניטעישאן אינפרעסטרוקטור דערוייל וואס זיי באטראכטן אויך די ענווייראנמענטל דזשאסטיס און קלימאט טויש ווירקונג אויף לאקאלע קאמיוניטיס. איך קוק ארויס צו די אנגייענדע פארשריט פון דעם שותפות."

**EPA ארטיגע אדמיניסטרעיטאר ליסע פ. גארסיע האט געזאגט,** "די היינטיגע מעלדונג צייכענט די וויכטיגקייט פון אינוועסטירן אין אמעריקע צו פארבעסערן מענטשן'ס לעבנס, מאכן דזשאבס, און פארבעסערן וואסער קוואליטעט פאר קאמיוניטיס אזוויי מאונט ווערנאן. ניו יארק'ס שיינע 150$ מיליאן אינוועסטירונג אין דעם קאמיוניטי ווערט פארברייטערט מיט פעדעראלע געלטער. די אמעריקאנע רעטונג פלאן שענקט 41$ מיליאן צו מאונט ווערנאן, און זיי שטייען אויס צו באקומען אנדער פעדעראלע געלטער דורך די ערשטמאליגע אריינגיסן פון וואסער אינפרעסטרוקטור געלטער פון פרעזידענטביידען'ס בייפארטיזאנע אינפרעסטרוקטאר געזעץ."

**דעפארטמעט און ענווייראנמענטל קאנזערוועישאן קאמישאנער באסיל סעגאס האט געזאגט,** "DEC איז שטאלץ מיט די מערקווערדיגע פארשריט וואס העלפט דערגרייכן גאווערנאר האקאל'ס היסטארישע געטריישאפט צו די מענטשן פון מאונט ווערנאן. DEC ארבעט צוזאמען מיט מעיאר פאטערזאן-האווערד, קאונטי עקזעקיוטיוו לאטימער, און אונזער שוועסטער אגענטורן צו אדרעסירן די אור-אלטע אומאייניגייט און אומרעכט דורך העלפן פראפערטי אייגנטומער נאכקומען זייער עיקר געברויכן מיט אפעקטיווע ריינע וואסער אינוועסטירונגען וואס וועלן אריבערמאכן דעם קאמיוניטי."

**ענווייראנמענטל פאסיליטיס קארפארעישאן פרעזידענט און CEO מאורין א. קאלמאן האט געזאגט,** "EFC פריידט זיך צו פפיערן א יאר פון אנגייענדע קאמיוניקאציע און מיטארבעט מיט די סיטי פון מאונט ווערנאן, קאונטי פון וועסטשעסטער און אונזער פיר שותף אגענטורן צו העלפן געבן מאכט צו מאונט ווערנאן דורך צושטעלן געלטער, רעסורסן, און טעכנישע שטיצע וואס פעלט אויס פארן שטאט צו אנהויבן מאכן באלדיגע פארערכטונגען צו קריטישע אינפרעסטרוקטור. פון פלאנירן און דעזיין צו בוי ארבעט, EFC איז געטריי צו ארבעטן נאנטערהייט מיט מעיאר פאטערזאן-האווערד און פובליק ווארקס

קאמישאנער בוש צו העלפן איבערמאכן די סיטי'ס צופאלענדע אינפרעסטרוקטור צו א שטארקע סיסטעם וואס קומט זיך פאר די איינוואוינער. די הצלחה פון דעם שותפות שפיגעלט אפ גאווערנאר האקול"ס געטריישאפט צו מעיאר פאטערזאן-האווערד און די איינוואוינער פון מאונט ווערנאן."

**היימען און קאמיוניטי באנייונג קאמישאנער רוטאן וויסנאסקעס האט געזאגט,** "ווען גאווערנאר האקאל האט אונז גערופן צו די ארבעט אין מאונט ווערנאן, האבן מיר זיך שנעל געריקט צו צולייגן צו די סטעיט'ס היסטארישע אינוועסטירונג מיט דירעקטע שטיצע צו די איינוואוינערס וואס זענען די מערסטע אפעקטירט פון די וואסער און אפפאל קריזיס. א דאנק צו די שותפות פון אונזערע פעדעראלע, סטעיט און סיטי שותפים, שטעלן מיר צו פאר צענדליקע פאמיליעס די רואיגקייט וואס קומט מיט א זיכערע און געזונטע שטוב."

**דעפארטמענט אוו העלט אקטינג קאמישאנער דר. דזשעימס מקדאנעלד האט געזאגט,** "DOH פריידט זיך צו זען די צוזאמענארבעט צווישן די סיטי פון מאונט ווערנאן, די קאונטי פון וועסטשעסטער, און אלע שותף אגענטורן וואס האבן געפירט צו די אנהויב פון די בוי ארבעט אויף די וואסער אינפרעסטרוקטור, און די אנהויג פון די לאנג ערווארטעטעט פארבעסערונגען צו די געזונטהייט פון די ניו יארקערס. דער דעפארטמענט דאנקט גאווערנער האקול פאר איר פארגעזעצטע פארפליכטונג צו געזונטע טרינקן וואסער פאר מאונט ווערנאן איינוואוינער און אלע ניו יארקער, יעצט און פאר די יארן וואס קומען."

**טשיעף קאונסעל צו די נאטורליכע רעסורסן דעפענס קאונסיל מיטש בערנארד האט געזאגט,** "פאר יארן, האבן איינוואוינער פון מאונט ווערנאן, בעיקר א שווארצע קאמיוניטי, זיך געראנגעלט מיט צובראכענע רערן און פארפלייצטע קעלערן מיט ווייניג הילף. ענדליך, באקומען זיי אביסל פארלייכטערונג. מיט די פארענדיגן פון די אפפאל וואסער אינפרעסטרוקטר פראיעקטן, וועט דער קאמיוניטי זיין א ביישפיל פאר אנפרעסטרוקטאר אפמאכן איבער די לאנד און צייגן אז צוזאמענארבעט מיט די סטעיט און לאקאלע רעגירונג קען מאכן זאכן פאסירן."

**ניו יארק'ס געטריישאפט צו ריינע וואסער**

ניו יארק זעצט פאר צו פארמערן אירע אינוועסטירונגען אין ריינע וואסער אינפראסטרוקטור. די 2023-24 איינגעפירטע בודזשעט שליסט איין נאך $500 מיליאן אין ריינע וואסער געלטער, ווי פארגעשלאגן דורך גאווערנאר האקול, ברענגענדיג ניו יארק'ס סך הכל ריינע וואסער אינפראסטרוקטור אינוועסטמענט צו $5 ביליאן זינט 2017. כדי צו אויסנוצן די אינוועסטירונגען און פארזיכערן אנגייענדע צוזאמענארבעט מיט לאקאלע רעגירונגען, האט די גאווערנער פארגעשלאגן צו אויפשטעלן 'קאמיוניטי הילף מאנשאפטן' (Community Assistance Teams) צו ארבעטן מיט קאמיוניטיס פון פאראויס כדי צו אנקומען צו קליינע, דארפישע און שוואכערע קאמיוניטיס זיי צו העלפן באקומען פינאנציעלע הילף צו אדרעסירן זייערע ריינע וואסער אינפראסטרוקטור באדערפעניש.[דער פראיעקט איז לעצטנס אנגעהויבן געווארן](https://efc.ny.gov/CAT)און אויטריטש מיטינגס קומער פאר. סיי וועלכע קאמיוניטי וואס דארף הילף מיט זייער וואסער אינפראסטרוקטור באדערפענישן איז געמוטיגט זיך צו פארבינדן מיט EFC ביי [efc.ny.gov/CAT](https://efc.ny.gov/CAT).

אין צוגאב דערצו, האבן ווילער באשטעטיגט די $4.2 בילאן ריינע וואסער, ריינע לופט, און גרינע דזשאבס ענווייראנמענטל באנד אקט אום נאוועמבער 2022, אוואנסירנדיג נאך, היסטארישע שטאפלען פון געלטער צו דרעהיינטיגן אלע וואסער אינפראסטרוקטור און באשיצן וואסער קוואליטעט, פארשטערקערן קאמיוניטי'ס מעגליכקייט צו ביישטיין ערנסטע שטורעמעס און פלייצונג, פארמינערן לופט פארפעסטיגונג און נידערן קלימאט-ענדערנדע ארויסגעבונגען, צוריקברענגען האביטאטס, אויפהאלטן דרויסנדע ערטער און לאקאלע פארמס, און פארזיכערן אייניגקייט דורך אינוועסטירן כאטש 35 פראצענט, מיט א ציל פון 40 פראצענט, פון רעסורסן אין שוואכערע קאמיוניטיס. דורכאויס ערד וואך, האט גאווערנאר האקול געמאלדן די ערשטע אוועילעביליטי פון באנד אקט געלטער וואס, ווען צאמגעשטעלט מיט עקזיסטירנדע סטעיט געלט קוועלער, קומט אויס צו א $425 מיליאן גרענט וואס ווערט געמאכט

אוועילעבל פאר סטעיט וואסער. אפליקאציעס מוסן אריינגעגעבן ווערן ביז יולי 28 און נאך אינפארמאציע קען מען טרעפן אויף:https://efc.ny.gov/wiia.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן